nystateofhealth™
The Official Health Plan Marketplace

# שנעלע פאקטן וועגן באנייען אייער Medicaid, Child Health Plus אדער Essential Plan העלט אינשורענס



## האט איר אדער א פאמיליע מיטגליד יעצט העלט אינשורענס דורך New York State Medicaid, Child Health Plus אדער די Essential Plan?

אנגעהויבן אין פרילינג 2023, וועט ניו יארק סטעיט נאכאמאל אנהויבן בארעכטיגונג איבערזיכט צו מאכן זיכער אז איינגעשריבענע טוען נאך זיין בארעכטיגט פאר די פראגראמען. דאס מיינט אז איר וועט מעגליך דארפן נעמען שריט צו באנייען אייער העלט אינשורענס אדער די אינשורענס פון אייער פאמיליע מיטגלידער. צום ביישפיל, אויב אייער אינקאם האט זיך אסאך געטוישט זינט איידער די COVID-19 פאנדעמיע האט זיך אנגעהויבן, וועט איר מעגליך דארפן איינגעבן יענע אינפארמאציע צו NY State of Health צו בלייבן איינגעשריבן אין העלט אינשורענס.

**פאלגענד זענען עטליכע זאכן וואס איר קענט טון יעצט צו ווערן גרייט:**

## 1 שרייבט זיך איין פאר טעקסט אלערטס.

שרייבט זיך איין צו באקומען טעקסט אלערטס פון די NY State of Health כדי איר זאלט נישט פארפאסן וויכטיגע העלט אינשורענס אפדעיטס, ארייננגערעכנט ווען עס איז צייט צו באנייען אייער דעקונג. זיך איינצושרייבן, **טעקסט START צו 1-866-988-0327.**

## 2 מאכט זיכער אייער אדרעס איז אפ-טו-דעיט.

מאכט זיכער NY State of Health אדער אייער לאקאלע Medicaid אפיס האט אייער יעצטיגע פאסט אדרעס, טעלעפאן נומער און אימעיל אדרעס כדי זיי זאלן זיך קענען פארבינדן מיט אייך איבער אייער העלט אינשורענס.

אויב איר האט אינשורענס דורך NY State of Health, קענט איר:

- רופט 1-855-355-5777 (TTY: 1-800-662-1220)
- לאגט אריין אין אייער אקאונט אויף **nystateofhealth.ny.gov**
- טרעפט א געהילף אויף **https://info.nystateofhealth.ny.gov/findassistor**

אויב איר האט Medicaid **דורך אייער קאונטי'ס Medicaid אפיס אדער דורך New YorkNew York City's Human Resources Administration (HRA)**, פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע אפיס מיט אייער אדרעס און קאנטאקט אינפארמאציע.

## 3 נעמט שריט.

ווען עס איז צייט צו באנייען אייער העלט אינשורענס, וועט איר באקומען א בריוו פון NY State of Health אדער א באנייאונג פעקל אויב איר זענט איינגעשריבן דורך אייער קאונטי'ס Medicaid אפיס. די בריוו/פעקל וועט אייך לאזן וויסן וואס איר דארפט טון צו באנייען אייער דעקונג און וויפיל צייט איר האט צו ענטפערן. פאלגט אויס די אנווייזונגען זאפארט.

צו בלייבן אינפארמירט און צו לערנען מער באזוכט:
**https://info.nystateofhealth.ny.gov/COVID-19-Changes**

## NY State of Health איז ניו יארק'ס אפיציעלער Official Health Plan Marketplace.

### פאר הילף צו באנייען אייער דעקונג און לערנען איבער אייער באנייאונג דאטום:

רופט אונז אויף:
**1-855-355-5777 אדער**
**TTY: 1-800-662-1220**

**אדער**

פארבינדט זיך מיט אן ארויסהעלפער נעבן אייך ביי: **https://info.nystateofhealth.ny.gov/findassistor**

**אדער**

פארבינדט זיך מיט אייער לאקאלע Medicaid אפיס ביי: **https://www.health.ny.gov/health_care/medicaid/ldss.htm**

NY State of Health קומט נאך אלע גילטיגע פעדעראלע ציווילע רעכטן געזעצן און סטעיט געזעצן, און דיסקרימינירט נישט באזירט אויף ראסע, קאליר, מין, עלטער, נאציאנאלע אפשטאם, קריד\רעליגיע, הייראט\פאמיליע סטאטוס , ארעסט רעקארד, קרימינאלע קאנוויקשאן(ס), דזשענדער אידענטיטעט, געשלעכטליכע אריענטאציע, פרידיספאזינג גענעטישע כאראקטעריסטיקס, מיליטערישע סטאטוס, דאמעסטישע געוואלדטאטן קרבן סטאטוס און\ אדער נקמה.